**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/26/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט 'חנוכת הבית' פון 47-צימערדיגע JAMES NEWBURY האטעל און THE WIRE געשעעניש צענטער אין גרין קאונטי**

***2 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג שטיצט טראנספארמאציע פון געוועזענע פאבריק געביידעס צו ווערן פולע-סערוויס האטעל און וואסער-ברעג געשעעניש פלאץ קאַקסעקי'ס שטאט-צענטער***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס אינוועסטירונגען צו שטיצן ניו יארק'ס טוריזם אינדוסטריע נאכפאלגנדיג רעקארד-ברעכנדע באזוכן און טוריסט שפענדונגען אין 2022***

***ווילעדזש אָוו קאַקסעקי האט לעצטנס באקומען 4.5 מיליאן דאלאר דורך דעם NY Forward פראגראם צו פארשנעלערן דאס אויפלעבונג פון ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן***

***האטעל בילדער פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פייערליכע עפענונג פון די James Newbury האטעל און The Wire געשעעניש צענטער אין קאַקסעקי, גרין קאונטי. די כמעט 11 מיליאן דאלארדיגער איבערבויאונג פראיעקט פארוואנדלט צוויי געוועזענע פאבריק געביידעס צו ווערן א 47-צימערדיגע 'בוטיק' האטעל און א 15,000-סקווער-פיסיגע געשעעניש פלאץ מיט א באר נעבן די וואסער און מערערע קאמיוניטי צימערן, ארויפבויענדיג אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארק'ס בליהענדע טוריזם און גאסטגעבונג אינדוסטריע.

"די פייערליכע עפענונג פון די James Newbury האטעל און די געשעעניש צענטער וואס איז פונקט אזוי באאיינדרוקספול, The Wire, דינט אלס א דערמאנונג צו באזיכער פון אריבער ניו יארק און די גאנצע וועלט: קאַקסעקי'ס שטאט-צענטער איז אפן פאר ביזנעס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר צוואנציג יאר איז די געוועזענע שמעלצעריי פאבריק ביי J.G. Newbury Ironworks געווען רייף מיט געלעגנהייט צו פאראויס טרייבן די לאקאלע עקאנאמיע, און א דאנק די סטעיט'ס שטיצע, וועט די היסטארישע לאקאציע העלפן גרין קאונטי אריינגעמען צאללאזע נייע באזיכער צו אונזער סטעיט. טוריזם איז קריטיש פאר ניו יארק סטעיט, און מיין אדמיניסטראציע פארבלייבט איבערגעגעבן צו אינוועסטירן אין די ביזנעסער, די אטראקציעס און די ארבייטער וועלכע האלטן די אינדוסטריע אויף די רעדער."

די James Newbury האטעל אפפערט 47 צימערן דעקארירט צו אפשפיגלען אירע שורשים אין די האדסאן ריווער וואלי. האטעל באקוועמליכקייטן רעכענען אריין א באר און רעסטוראנט אין די לאבי, א דרויסנדיגע פעטיאָו און גרויסע גראזיגע שטחים זיך ציהענדיג ביז די טייך ברעגעס. א באגעגעניש צימער און א צוויי-שטאקיגע לייברערי ערגענצן די אונטערשטע שטאק. די Day Line Oyster Bar + Kitchen,

די רעסטאראנט אויפן דאך אויף די פיפטע שטאק, וועט זיך עפענען אנהויב נאוועמבער און אפפערן צו זיצן און עסן אינעווייניג און אינדרויסן מיט אן אייגנארטיגע אויגן-פארכאפנדע פאנאראמישע אויסבליק.

The Wire – א 15,000 סקוועיר-פיסיגע געשעענישן פלאץ – זיצט אויף א דערנעבנדע שטח מיט עטליכע צימערן, אריינרעכענענדיג א גרויסע זאל און אן אפענע פלאץ אין די געביידע וואס קוקט ארויס צו די וואסער. די פלאץ איז געמאכט פאר גרויסע געשעענישן ווי חתונות, ביזנעס צוזאמקומען, קאנפערענצן און ביזנעס שאָוס און אזוי אויך לאקאלע געשעענישן פאר די האדסאן וואלי און הויפטשטאט ראיאן קאמיוניטיס.

די האטעל און געשעענישן צענטער באערן די אינדוסטריאלע שורשים פון די לאקאציע און ראיאן. צום ערשט געבויט אין די אנהויב פון די 20'סטע יאר הונדערט, זענען די געביידעס געווען טייל פון א שמעלצעריי פאר J. G. Newbury Ironworks. שפעטער זענען זיי געווארן א חלק פון State Wire and Cable. בעפאר דעם פראיעקט וואס האט איבערגעבויט די געביידעס פאר זייער נייע צוועק זענען זיי געשטאנען ליידיג פאר צום וויניגסטנס 20 יאר. דער פראיעקט איז געשטיצט געווארן מיט 2 מיליאן דאלאר אין גרענטס פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, נאכן רעקאמענדירט ווערן דורך די הויפטשטאט ראיאן עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Capital Region Economic Development Council, CREDC).

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט**, "די האדסאן ריווער איז איינס פון ניו יארק סטעיט'ס הערליכסטע אוצרות, און עס דערפרייעדט אונז צו שטיצן די נייע James Newbury האטעל וואס שטייט אויף אירע ברעגעס. די נייע זאל וועט העלפן אריינבלאזן א פרישע חיות אין קאַקסעקי'ס וואסער ברעג דורכן אויפבויען א פלאץ וואס שטיצט לאקאלע דזשאבס, ציהט צו איינוואוינער און באזיכער פון אריבער די וועלט און וואס וועט מאכן די לאקאלע עקאנאמיע וואקסן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט**, "די James Newbury האטעל און The Wire געשעענישן צענטער זענען געוואלדיגע צוגאבן און ערשט-קלאסיגע פלעצער צו איינשטיין און צו אפהאלטן אייגנארטיגע געשעענישן וואס קענען געפונען ווערן אריבער די האדסאן וואלי, קעטסקילס און הויפטשטאט ראיאן. צוזאמען וועלן די נייע איינריכטונגען דינען אלס די נייעסטע טייך ברעגעס דעסטינאציע פאר רייזנדע וועלכע זוכן צו עסן, טרונקען און איינשטיין און זיך באטייליגן אין באגעגענישן, קאנפערענצן און ספעציעלע געשעענישן, אפפערנדיג זיי א געוואלדיגע געלעגנהייט צו זעהן ווי גרינג עס איז צו ליב האבן ניו יארק סטעיט."

**Flach Development & Realty, Inc. פרינסיפעל, ערָאן פלעק, האט געזאגט**, "א דאנק פאר די קאַקסעקי קאמיוניטי, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און ניו יארק סטעיט פאר זייער אנגייענדע שטיצע מיטן אויפלעבן קאַקסעקי'ס היסטארישע שטאט-צענטער."

גאווערנער האקול בלייבט ווייטער פארפליכטעט צו שטיצן ניו יארק'ס טוריזם אינדוסטריע — א הויפט טרייב קראפט פון די סטעיט'ס עקאנאמיע. די גאווערנער האט לעצטנס אנאנסירט רעקארד-ברעכנדע ציפערן פון באזוכן און געשפענדעטע געלטער דורך טוריסטן אין ניו יארק סטעיט, מיט מער פון 291 מיליאן באזיכער אויפטרייבנדיג מער פון 78.6 ביליאן דאלאר אין דירעקט-אויסגעגעבענע געלטער אין 2022. צום סוף פון 2021 איז גאווערנער האקול ארויסגעקומען מיט די "ברענג צוריק טוריזם, ברענג צוריק דזשאבס" (Bring Back Tourism, Bring Back Jobs) ערהוילונג פעקעדזש — א פרעצעדענטלאזע 450 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן רייזע אינדוסטריע ארבייטער, קליינע ביזנעס שטיצע פראגראמען און צו ברענגען נייע און אייגנארטיגע געשעענישן קיין ניו יארק. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט שטארקע "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) מארקעטינג באמיאונגען צו

מוטיגן מענטשן צו מאכן רייזעס ארום ניו יארק סטעיט, און זי האט געשאנקען צענדליגע מיליאנען דאלארן אין דירעקטע שטיצע פאר טוריזם ארגאניזאציעס און זאלן מיט טוריזם-פארבינדענע מארקעטינג באמיאונגען און אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן.

די ווילעדזש אָוו קאַקסעקי האט לעצטנס באקומען א [4.5 מיליאן דאלארדיגע גרענט](#) פון NY Forward (ניו יארק - אויף פאראויס), א צענטראלע עלעמענט פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען צו פארשנעלערן און אויסברייטערן די אויפלעבונג פון ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן. NY Forward דינט קלענערע קאמיוניטיס מיט א היסטארישע כאראקטער וועלכע מאכן זיי אנדערש פון גרעסערע, מער שטאטישע צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס וועלכע ווערן געווענטליך פינאנצירט דורך די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative).

**פארזיצער פון CREDC, עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט פון NBT Bank, רוּט מעהאָוני, און פרעזידענט פון אלבאני אוניווערסיטעט, דר. האווידאן ראדריגעז, האבן געזאגט,** "מיר זענען איבערגעגעבן צו שטיצן און סטראטעגיש אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע בויען אויף אונזערע אייגנארטיגע ראיאנישע אייגנשאפטן, פון היסטארישע שטאטישע צענטערן ביז באאיינדרוקספולע וואסער ברעגעס, וועלכע קענען ווערן דעסטינאציעס סיי פאר באזיכער און סיי פאר איינוואוינער. די James Newbury האטעל און The Wire געשעפטליכע צענטער וועט ברענגען א נייע לעבן צו די געביידעס, צולייגן דזשאבס און ענערגיע צו קאַקסעקי'ס שטאט-צענטער און מאכן די ברייטערע עקאנאמיע וואקסן."

**אסעמבלי מיטגליד קריסטאפער טעיג האט געזאגט**, "דער גאר-נויטיגער פראיעקט טוט שוין יעצט אזויפיל פאר קאַקסעקי. די האטעל און געשעפטליכע צענטער ברענגען דזשאבס, שטיצן לאקאלע ביזנעסער, ציהען צו טוריסטן, ערגענצן די עקאנאמיע און לעבן אויף די היסטארישע שטאט-צענטער. איך בין באגייסטערט צו זעהן וואו די וועג וועט פירן אונזער קליינע אפּסטעיט טאון."

**קאַקסעקי טאון סופערווייזאר ריטשארד האנזע האט געזאגט,** "The Wire געשעפטליכע צענטער און די James Newbury האטעל זענען גאר וויכטיג פאר די אויפלעבונג פון קאַקסעקי'ס Reed Street היסטארישע דיסטריקט. זיי וועלן פארגרעסערן די צאל קונדן צו אונזערע לאקאלע ריטעיל געשעפטן און באקענען די באזיכער מיט די שיינקייט פון קאַקסעקי'ס טייך ברעגע און שטעטלישע קאמיוניטיס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן](#)